**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/20/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 63 מיליאן דאלאר געשאנקען צו פארשטערקערן שטיצנדע האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט

### *ניו יארק סטעיט שטיצנדע האוזינג פראגראם האט באדייטנד געהעכערט פינאנצירונג ראטעס פאר מער פון 20,000 שטיצנדע האוזינג יוניטס אריבער די סטעיט*

### *ערגענצט ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן היימלאזיגקייט און צו פרעזערווירן און אויסברייטערן פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אפציעס אריבער די סטעיט*

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט 63 מיליאן דאלאר אין גרענטס געשאנקען פאר 130 שטיצנדע האוזינג סערוויסעס פראָווײדערס אריבער די סטעיט וועלכע העלפן ארויס יחידים און פאמיליעס וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט מיטן פארבלייבן אין סטאבילע היימער. די גרענטס – געשאנקען דורך דעם ניו יארק סטעיט שטיצנדע האוזינג פראגראם (New York State Supportive Housing Program, NYSSHP) – רעכענען אריין א 40 פראצענטיגע העכערונג אין אלגעמיין אין פינאנצירונג וואס וועט העלפן פרעזערווירן און אויסברייטערן שטיצנדע האוזינג אפציעס אין ניו יארק.

"דאס בויען נייע- און פרעזערווירן עקזיסטירנדע שטיצנדע האוזינג איז צענטראל צו מיין אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל, און עס זעצט פאר אונזער קאמף צו רעדוצירן היימלאזיגקייט אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די אינוועסטירונגען אין דעם ניו יארק סטעיט שטיצנדע האוזינג פראגראם וועלן ערלויבן שטיצנדע האוזינג פראָווײדערס אריבער די סטעיט צו פארזעצן מיט זייער קריטישע ארבעט צו העלפן יחידים און פאמיליעס וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט צו פארבלייבן אין זיכערע היימער און באקומען די לעבנסוויכטיגע סערוויסעס וואס זיי דארפן צו בליהען אינערהאלב זייערע קאמיוניטיס."

פארטייך דורך ניו יארק'ס אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA), פינאנצירט די NYSSHP לעבנסוויכטיגע סערוויסעס און קאסטן פון אנגייענדע אפעראציעס וועלכע שטיצן מער פון 20,000 פארמאנענטע שטיצנדע און אריבערגאנג האוזינג יוניטס וועלכע גיבן א דאך איבערן קאפ פאר אומגעפער 36,000 מענטשן אריבער די סטעיט. אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025-2026, האט גאווערנער Hochul (האקול) פארזיכערט א 17.8 מיליאן דאלארדיגע העכערונג פאר NYSSHP וואס – אנהויבנדיג פון היי יאר – העכערט די פער-יוניט פינאנצירונג ראטעס פאר עקזיסטירנדע NYSSHP פראָווײדערס מיט אומגעפער 40 פראצענט אין אלגעמיין און איז די גרעסטע העכערונג אין פינאנצירונג פאר דעם פראגראם אין 40 יאר.

אין א פרואוו צו ציהלן די געהעכערטע פינאנצירונג צו אנקומען צו די מערסטע פינאנציעל-איבערגעשטרענגטע פראיעקטן אריבער די סטעיט, זענען מער פון 44 פראיעקטן באשטימט געווארן צו זיין בארעכטיגט פאר געהעכערטע פינאנצירונג דאס יאר, כמעט טאפלענדיג זייערע פער-יוניט ראטעס.

פינאנצירונג ראטעס פאר אלע אנדערע פראָווײַדערס זענען געהעכערט געווארן מיט אומגעפער 30 פראצענט. זעהט א ליסטע פון אלע קערפערשאפטן באקומענדיג פינאנצירונג דא.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, Barbara C. Guinn (בארבארע סי. גווין), האט געזאגט,** "די פינאנצירונג העכערונגען אין די היי-יאריגע NYSSHP גרענטס זענען געוואלדיג וויכטיג צו זיכער מאכן אז אונזערע עקזיסטירנדע שטיצנדע האוזינג יוניטס בלייבן אין א גוטע צושטאנד און צוגענגליך. די גרענטס וועלן פארשטערקערן די מעגליכקייט פון פראָווײַדערס צו צושטעלן די שטיצנדע סערוויסעס וועלכע מאכן די פראגראמען אייגנארטיג און ערפאלגרייך ביים העלפן וואקלדיגע באפעלקערונגען בלייבן מיט א דאך איבערן קאפ. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע אונזערע שטיצנדע האוזינג פראָווײַדערס, וועלכע ארבעטן טאג איין טאג אויס צו צושטעלן לעבנסוויכטיגע סערוויסעס פאר טויזנטע וואקלדיגע ניו יארקער, און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען צו פרעזערווירן און אויסברייטערן גאר-נויטיגע שטיצנדע האוזינג אפציעס אריבער ניו יארק סטעיט."

די NYSSHP גרענטס זענען טייל פון די גאווערנער'ס 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן, וואס איז אויף די רעלסן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל הײַמער ביז סוף פון סטעיט פיסקאלע יאר 2027, אריינרעכנענדיג 10,000 היימער מיט שטיצע סערוויסעס פאר וואקלדיגע באפעלקערונגען און צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו עלעקטריציטעט באנוץ. פינאנצירונג אין די סטעיט עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2027 רעכנט אריין 5.7 ביליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע מיטלען, 8.8 ביליאן דאלאר אין סטעיט און פעדעראלע טעקס קרעדיטס און אנדערע פעדעראלע צוטיילונגען און 11 ביליאן דאלאר צו שטיצן די אנגייענדע אויפהאלטונג פון שעלטערס און שטיצנדע האוזינג יוניטס און צו צושטעלן רענט סובסידיעס. די אינוועסטירונג איז די גרעסטע, ברייטסטע און מערסט אמביציעזע האוזינג פלאן אין ניו יארק סטעיט היסטאריע.

גאווערנער Hochul (האקול)'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2027 זעצט פאר צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען צו אויפבויען און פרעזערווירן פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכנענדיג:

- 153 מיליאן דאלאר פאר די OTDA'ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם (Homeless Housing and Assistance Program, HHAP) צו ערפילן די אנגייענדע פארלאנג פאר שטיצנדע האוזינג און צו אויפהאלטן עקזיסטירנדע יוניטס וועלכע שטעלן צו א זיכערע פלאץ צו וואוינען פאר פילע פון די מערסטע האוזינג-אומזיכערע און וואקלדיגע ניו יארקער. HHAP שטעלט צו אינפראסטרוקטורישע מיטלען צו אויפבויען האוזינג, אריינרעכענענדיג פערמאנענטע אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג, באזונדערס פאר היימלאזע מענטשן. ארויפבויענדיג אויף די געהעכערטע אינוועסטירונג אריינגעלייגט אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026, רעכנט די סטעיט עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2027 אריין נאך 25 מיליאן דאלאר אין צוגאבליכע מיטלען.
- 300 מיליאן דאלאר פאר די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI), א העכערונג פון 60 מיליאן דאלאר ארויף פון סטעיט פיסקאלע יאר 2026. די פינאנצירונג שטיצט די קאסטן פון אנגייענדע אפעראציע און סערוויסעס פון נייע און עקזיסטירנדע שטיצנדע האוזינג קאנטראקטן.
- 100 מיליאן דאלאר פאר דעם רענטעל סאָפּלעמענט פראגראם (Rental Supplement Program, RSP) צו אפצאלן טייל פון די וואוינונג קאסטן פאר יחידים און פאמיליעס וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט אדער זענען אין באלדיגע געפאר פון פארלירן האוזינג.

- 74.2 מיליאן דאלאר פאר די OTDA'ס צוזאמגעשטעלטע היימלאזע סערוויסעס פראגראמען, א 2.8 מיליאן דאלארדיגע העכערונג ארויף פון סטעיט פיסקאלע יאר 2026. די פינאנצירונג שטיצט NYSSHP, דעם 'לייזונגען צו ענדיגן היימלאזיגקייט פראגראם' ( Solutions to End Homelessness Program, STEHP) און דעם אפעראציע שטיצע פאר AIDS האוזינג (Operational Support for AIDS Housing, OSAH) פראגראם.

- 50 מיליאן דאלאר פאר דעם 'האוזינג צוטריט וואַוטשער פראגראם' ( Housing Access Voucher Program, HAVP) וואס איז אין פראבע – זיך האלטנדיג צו די פלאן פאר דעם פיר-יאריגן פראבע פראגראם – אויסגעשטעלט צו צושטעלן הילף מיט רענט אין פארעם פון האוזינג וואַוטשערס פאר יחידים און פאמיליעס וועלכע זענען היימלאז אדער וועלכע זענען אין באלדיגע געפאר פון פארלירן האוזינג.

**סטעיט סענאטארשע Roxanne J. Persaud (ראַקסען דזש. פערסאוד) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די היינטיגע אנאנסירונג איבער 63 מיליאן דאלאר אין NYSSHIP פינאנצירונג. דאס קומט אלס א דירעקטע רעזולטאט פון לעצטע יאר'ס ארבעט מיט מיינע קאלעגן און גאווערנער Hochul (האקול) צו פארזיכערן א 17.8 מיליאן דאלארדיגע העכערונג פאר דעם פראגראם. די מער פון 30,000 ניו יארקער וועלכע וואוינען אין זיכערע און פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג קומען זיך אונזער אנגייענדע אינוועסטירונג."

**סטעיט סענאטאר Brian Kavanagh (בריין קעווענאו) האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג איז איינס פון די מערסט ווירקזאמע און מענטשליכע כלים וואס מיר האבן צו אדרעסירן היימלאזיגקייט און האוזינג אומסטאביליטעט. די אינוועסטירונגען ווידערהאלן אונזער פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט און סיי וועלכע שטיצע סערוויסעס וואס זיי קענען מעגליך דארפן. איך באדאנק גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר שותפות אויף דעם, אונזערע קאלעגן אין די לעגיסלאטור פארן ארבעטן צו אריינרעכענען פינאנצירונג פאר שטיצנדע האוזינג אין די סטעיט בודזשעט און קאמישאנער Barbara Guinn (בארבארע גווין) און יעדער איינער ביי די OTDA פארן שטיצן פראָוויידערס אריבער די סטעיט וועלכע טוהען די קריטישע ארבעט יעדן טאג. איך קוק ארויס צו פארזעצן אונזער ארבעט צו אויסברייטערן האוזינג געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגלידערין Maritza Davila (מאריצע דאווילע) האט געזאגט,** "די 63 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין דעם ניו יארק סטעיט שטיצנדע האוזינג פראגראם איז א קריטישע און גאר-נויטיגע טריט אין ריכטונג פון סטאביליזירן און פארשטערקערן שטיצנדע האוזינג אריבער אונזער סטעיט. איך לויב אויס גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און קאמישאנער Guinn (גווין) פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף פארן אהערשטעלן א 40 פראצענטיגע פינאנצירונג העכערונג וואס וועט העלפן פּראָוויידערס פרעזערווירן קריטישע האוזינג און סערוויסעס פאר טויזנטע וואקלדיגע ניו יארקער. שטיצנדע האוזינג ארבעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Jo Anne Simon (דזשאָ ען סיימאן) האט געזאגט,** "א זיכערע און סטאבילע פלאץ צו וואוינען איז די יסוד פון ערהוילונג, א בכבוד'דיגע לעבן און לאנג-טערמיניגע וואוילזיין פאר מענטשן וועלכע ראנגלען זיך מיט זייער גייסטישע און פיזישע געזונטהייט. דורכן העכערן פינאנצירונג פאר שטיצנדע האוזינג פראָוויידערס, טוהען מיר העלפן טויזנטע יחידים און פאמיליעס בלייבן מיט א דאך איבערן קאפ בשעת'ן צוקומען צו די סערוויסעס וואס זיי דארפן צו בליהען און זיך אויפבויען א מער פארזיכערטע צוקונפט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו פאראויס שטופן גייסטישע געזונטהייט מיטלען און צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער."

**Albany Housing Coalition, Inc. עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Sondra Young (סאָנדרא יאָנג), האט געזאגט,** "די געהעכערטע NYSSHP 2026 גרענט איז א קריטישע אינוועסטירונג אין אונזערע באמיאונגען צו פארמיידן היימלאזיגקייט צווישן מיליטער וועטעראנען און זייערע פאמיליעס. די פינאנצירונג פארשטערקערט אונזער מעגליכקייט צו צושטעלן האוזינג סטאבילידזירונג און שטיצנדע סערוויסעס וועלכע העלפן וועטעראנען און זייערע פאמיליעס בלייבן זיכערערהייט מיט א דאך איבערן קאפ."

**YWCA Binghamton & Broome County עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Carole Coppens (קעראָול קאַפּענס), האט געזאגט,** "אין נאמען פון די YWCA Binghamton & Broome County: מיר זענען טיף דאנקבאר פאר די NYS OTDA פאר די געהעכערטע NYSSHP פינאנצירונג און געהעכערטע ראטעס. די קריטישע מיטלען פארשטערקערן אונזער מעגליכקייט צו באדינען יחידים און פאמיליעס וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט דורכן שטיצן דאס אויפהאלטן קריטישע שטאב מיטגלידער אויף די פראנט ליניעס – ארייננרעכענענדיג קעיס מענעדזשמענט און איינוואוינער שטיצע – און אזוי אויך צוגעלייגטע רייניגונג און אויפהאלטונג קאפאציטעט צו זיכער מאכן אז אונזערע פראגראמען בלייבן זיכער, סטאביל און גוט אויפגעהאלטן. די אינוועסטירונג העלפט אונז פארזעצן צו פאראויס שטופן אונזער מיסיע און צושטעלן פאר איינוואוינער די סערוויסעס און שטיצע וואס זיי דארפן זיך צו פאראויס רוקן מיט בכבוד'דיגע באהאנדלונג און האפענונג."

**Connecting Communities in Action, Inc. טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער, Andrew Studley (ענדרו סטאָדלי), האט געזאגט,** "געהעכערטע NYSSHP פינאנצירונג גיבט א גאר-נויטיגע שטופ פאר אונזערע האוזינג פראגראמען. עס העלפט סטאביליזירן די מיטלען אויף וועלכע מיר זענען אנגעוויזן צו האלטן פערציג יוניטס זיכער, געשטיצט און מיט די נויטיגע שטאב מיטגלידער. די אינוועסטירונג פארלייכטערט די דרוק אויף אונזער אפעראציעס בודזשעט און גיבט אונז די בויגזאמקייט צו פארשטערקערן סערוויסעס, אויסברייטערן שטיצע מיטלען און פארבעסערן די ערפארונג פון טענאנטס. פאר אונז מיינט דאס אז מיר וועלן קענען פארזעצן צו ערפילן עכטע געברויכן מיט די שטאפל פון שטיצע וואס קומט זיך פאר אונזערע פראגראמען און טענאנטס."

**Housing Works, Inc. טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער, Charles King (טשארלס קינג), האט געזאגט,** "NYSSHP פינאנצירונג איז קריטיש פאר די הצלחה פון אונזערע שטיצנדע האוזינג פראגראמען און פאר די סטאביליטעט פון די איינוואוינער וועם מיר באדינען. די אינוועסטירונג שטיצט שטאב מיטגלידער אויף די פראנט ליניעס און פארשטערקערט די קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס וועלכע העלפן יחידים און פאמיליעס בויען געזונטערע, מער סטאבילע צוקונפטן."

**Interfaith Partnership for the Homeless (IPH), Inc. טשיעף אפערעיטינג אפיסער, Kristen Giroux (קריסטען זשירו), האט געזאגט,** "פאר יארן, ערלויבט שוין די NYSSHP פינאנצירונג פאר אונזערע מאנשאפטן צו שטיצן אונזערע האוזינג טענאנטס דורכן צושטעלן אינטענסיווע, פערזענליך-צוגעפאסטע, פערזענליך-צענטרירטע קעיר. מיר פארשטייען גאר גוט אז דאס פארזיכערן האוזינג איז אן אנהויב — עס איז די יסוד פון וואו קליענטן קענען פארבעסערן זייער וואוילזיין און ארבעטן צו האבן א באדייטפולע און פריידיגע לעבן. די סערוויסעס וועלכע מיר קענען אפפערן שטיצן לאנג-טערמיניגע סטאביליטעט דורכן העלפן יעדן טענאנט אדרעסירן זייער אייגנארטיגע רייע פון געברויכן. די געהעכערטע NYSSHP פינאנצירונג וועט אונז ערלויבן צו טאפלען די מאס פון שטיצע וואס מיר שטעלן צו ביי Fulton House, אונזער 47-יוניט וואוינונג אין גלאָווערסוויל, דורכן צולייגן א צווייטער קעיס מענעדזשער, און עס וועט אונז אויך ערלויבן צו פארמערן די געביידע'ס רייניגונג און אויפהאלטונג סערוויסעס, זיכער מאכנדיג אז אונזערע טענאנטס זעצן פאר צו האבן א זיכערע, ריינע און באקוועמע פלאץ צו וואוינען."

**New Destiny Housing טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער, Nicole Branca (ניקאָול בראנקא), האט געזאגט,** "די געמיש פון אפארדעביליטי, סטאביליטעט און סערוויסעס מאכט שטיצנדע האוזינג אלס איינס פון די מערסט ווירקזאמע הילפס-מיטלען וואס זענען דא צו באקומען פאר איבערלעבער פון אביוז אין די משפחה צו קענען בלייבן מיט א דאך איבערן קאפ און צוריק אויפבויען זייערע לעבנס נאכן אנטלויפן פון אביוז. א דאנק די צוגאבליכע NYSSHP אינוועסטירונג וואס איז צוגעשטעלט געווארן לעצטע יאר דורך די OTDA, וועט New Destiny קענען גיבן צוטריט פאר איבערלעבער צו די קעיס מענעדזשמענט שטיצע וואס איבערלעבער און זייערע קינדער דארפן זיך צו שטארקן אויף זייער טראומע און טרעפן סטאביליטעט. מיר זענען געוואלדיג דאנקבאר פאר די גאווערנער, די לעגיסלאטור און אונזערע שותפים ביי די OTDA פאר זייער פארפליכטונג צו צושטעלן גלייכע פינאנצירונג פאר דעם קליינעם אבער לעבנס-ראטעווענדען פראגראם."

**Safe Harbors of the Hudson עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Lisa Silverstone (ליסע סילווערסטאָון), האט געזאגט,** "Safe Harbors of the Hudson איז געווען באגייסטערט ביז גאר צו באקומען פארמערטע NYSSHP פינאנצירונג וואס וועט פארזיכערן אונזער מעגליכקייט צו צושטעלן קריטישע סערוויסעס פאר די 128 פון אונזערע שכנים וועלכע וואוינען אין אונזער Cornerstone Residence. א דאנק פאר די NYS OTDA פארן זיך אפרופן צו די קריטישע געברויכן אין אונזערע שטיצנדע האוזינג קאמיוניטיס."

**Volunteers of America Upstate New York פרעזידענט און טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער, Dr. Junior Dillion (דר. דזשוניאר דיליאן), האט געזאגט,** "פארמערטע פינאנצירונג פון NYSSHP פארשטערקערט VOA UPNY'ס מעגליכקייט צו פאראויס גיין מיט אונזער מיסיע צו שאפן אנהאלטנדע טויש אין די קאמיוניטיס וועם מיר באדינען. סטאבילע, לאנג-טערמיניגע האוזינג איז די יסוד פון ערמעגליכקן מענטשן צו שטיין אויף די אייגענע פיס, און די אינוועסטירונגען ערמעגליכן אונז צו צושטעלן זיכערע, אפאָרדעבעל היימער צוזאמען מיט ארומנעמיגע מענטשליכע סערוויסעס וועלכע העלפן יחידים און פאמיליעס אנקומען צו אנהאלטנדע סטאביליטעט. VOA UPNY באדינט מער פון 10,000 מענטשן יערליך דורך אונזערע פארשידענע פראגראמען וועלכע רעכענען אריין חינוך פאר קינדער, סערוויסעס פאר מענטשן זיך צו צוריק איינגלידערן אין געזעלשאפט ארויסקומענדיג פון טורמע, היימלאזיגקייט פארמיידונג און פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן